# עולת שבת בשבתו

**ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**פה ק"ק קרית יואל יצ"ו**

בעזהשי"ת | פרשת כי תבא | כ"תה ו' ז' תשע"א לפ"ק


## דורש טוב

**ולקחת מראשית כל פרי האדמה וגו' אשר ה' אלקיך נותן לך:**

די גמרא זאגט אז אויב איינער גיט א מתנה פאר א חשוב'ן מענטש אדער פאר א צדיק, און דער צדיק נעמט די מתנה פון אים, ווערט גערעכנט ווי דער צדיק האט אים געגעבן א מתנה, ווייל די הנאה אז דער צדיק האט גענומען פון אים איז אזוי חשוב ווי א מתנה.

זאגט דער **נחל קדומים** אז דאס זאגט דער פסוק: **ולקחת** און דו וועסט נעמען א מתנה פון השי"ת, וויאזוי? דורכדעם וואס דו ברענגסט די ביכורים צו השי"ת און השי"ת נעמט עס אן לרצון, ווערט עס גערעכנט ווי דו האסט באקומען א מתנה פון הייליגן באשעפער.

❀ ❀ ❀

**והותירך ה' אלקיך לטובה בפרי בטנך:**

דער הייליגער **חתם סופר** ערקלערט וואס דער **רמב"ם** זאגט "**אשרי מי שהתמו ימיו במהרה**", וואויל איז דער מענטש וואס ענדיגט שנעל זיינע טעג אויף די וועלט, דאס מיינט אז ער איז יונגערהייט מתקן אלעס וואס ער דארף אויפטוהן אויף די וועלט און ער ווערט נסתלק.

אויב אזוי ווערט שווער א קשיא, מיר זעען דאך אסאך צדיקים וואס לעבן ב"ה אסאך יארן, קען מען דען זאגן אז זיי האבן נישט מתקן געווען וואס זיי דארפן? מוז זיין, אז השי"ת

## ידיעות פון די וואך

### די מצוה פון ביכורים!

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער די מצוה פון **ביכורים**, וועלן מיר אי"ה דא אראפגעבן ווי אזוי די מצוה פון **ביכורים** איז צוגעגאנגען בזמן שבית המקדש היה קיים, ווי חז"ל דערציילן דאס אויף עטליכע פלעצער.

**ביכורים** איז די ערשט געצייטיגטע פרוכט פון די שבעת המינים, און מ'האט עס געקענט ברענגען פון שבועות ביז נאך חנוכה, די רייכע מענטשן האבן אריינגעלייגט די **ביכורים** אין גאלדענע אדער זילבערנע קערב, און ארימעלייט האבן דאס אריינגעלייגט אין געפלאכטענע קערב פון ערבה בלעטער.

די וואס האבן געוואוינט נאנט צו ירושלים האבן געברענגט פרישע פייכטע פירות, די וואס האבן געוואוינט ווייט און האבן מורא געהאט אז די פירות וועלן פארדארבן ווערן, האבן זיי געברענגט פארטריקענטע פירות ווי ראזשינקעס און פארטריקענטע פייגן. צו די זייטן פונעם קארב האט מען צוגעבינדן טויבעלעך, וואס מען האט שפעטער מקריב געווען אלס קרבן עולה.

צוליב דעם כבוד פון די מצוה פלעגן קומען גרויסע גרופעס אינאיינעם ברענגען **ביכורים**, וואס איז אנגערופן געווארן א 'מעמד', די אלע מענטשן פון יענעם 'מעמד' וואס האבן אינאיינעם מקריב געווען ביכורים, האבן זיך צוזאמענגענומען אין איין שטאט, וואו זיי האבן איבערגענעכטיגט אויפן גאס (ווייל אין ארץ ישראל רעגנט קיינמאל נישט), אינדערפרי האט זיי דער הויפט פון זייער מעמד אויפגעוועקט און אויסגערופן מיט א מעכטיגע שטימע דעם פסוק "**קומו ונעלה ציון אל ה' אלקינו**" ("שטייט אויף, לאמיר ארויפגיין קיין ירושלים צום בית המקדש צום הויז פונעם באשעפער").

מען האט אויסגעשטעלט א סדר ווי אזוי דער מעמד איז געגאנגען: צום ערשט איז געגאנגען א אקס, וואס זיינע הערנער זענען געווען באצירט מיט גאלד, מיט א הערליך געפלאכטענע קרוין געמאכט פון בלעטער פון איילבירטן ביימער. דעם אקס האט מען שפעטער מקריב געווען פאר א שלמים. אונטער זיי זענען געגאנגען די שפילערס, מיט אלע כלי זמר און האבן אויפן וועג געזינגען דעם פסוק "**שמחתי באומרים לי בית ה' נלך**", מען האט די געזאנגען געהערט גאר ווייט.

נאנט צו ירושלים האט מען געשיקט א שליח מודיע צו זיין אז זיי קומען שוין, ווי לאנג זיי האבן געווארט, האבן זיי באצירט די קערב מיט שיינע פרישע פייכטע פירות. די זקנים מיט די חשוב'ע לייט פון די כהנים מיט די לויים זענען ארויסגעקומען פון ירושלים מקבל פנים זיין די ביכורים ברענגער.

ווען די צוויי גרופעס האבן זיך באגעגענט האבן די **ביכורים** ברענגער אראפגענומען די פירות פון די אייזלען, און דאס געהאלטן אין די האנט, און די גאנצע פאראדע האט ארייגמארשירט קיין ירושלים, מיט געזאנג און טענץ און שירות ותשבחות פארן אייבערשטן.

איבעראל ווי די פאראדע איז דורכגעגאנגען, האבן די ארבעטער און געשעפטסלייט אפגעשטעלט זייער ארבעט און געקומען אפגעבן כבוד פאר די **ביכורים** ברענגער.

אנקומענדיג צום הר הבית דארט ווי דער בית המקדש איז געשטאנען האט די שמחה געגרייכט איר קלימאקס, מען האט ארויפגעלייגט די קערב אויף די פלייצעס צו צייגן ליבשאפט פאר די מצוה, אפילו דער קעניג פון די אידן האט אויך געלייגט די ביכורים אויף די אקסלען כדי צו ווייזן חביבות פאר די מצוה.

אנקומנדיג אין בית המקדש האט מען אנגעהויבן צו זינגען "**הללוי-ה הללו קל בקדשו**" ביז ווען מ'איז אנגעקומען צו די עזרה, דאן האבן די לוים אנגעהויבן צו זינגען "**ארוממך ה' כי דליתני ולא שמחת אויבי לי**".

דערנאך האט מען געטון אלעס וואס עס שטייט אין די וואכענדיגע סדרה, מען האט קודם אראפגעלייגט די ביכורים און נאכדעם האט מען געזאגט די פרשה פון **ארמי אובד אבי**, דערנאך האט מען דאס אראפגעלייגט נעבן מזבח, און מ'האט געמאכט תנופהאון מען האט מקריב געווען די קרבנות.

די אלע וואס האבן געברענגט ביכורים זענען נישט אהיימגעגאנגען שלאפן, נאר מען האט יענע נאכט גענעכטיגט אין ירושלים, און הערשט אויפמארגן איז מען אהיימגעגאנגען.

**אשרי עין ראתה כל אלה!**

לאזט איבער די ערליכע אידן כדי זיי זאלן לערנען מיט זייערע קינדער, אייניקלעך און תלמידים ווי אזוי מען דארף דינען השי"ת.

דאס זאגט דער פסוק: **והותירך ה' אלקיך לטובה** השי"ת וועט דיך איבער לאזן צו לעבן לאנג, כאטש דו האסט שוין אלעס מתקן געווען. פארוואס? **בפרי בטנך** וועגן דיינע קינדער, אייניקלעך און תלמידים, דו זאלסט זיי לערנען דעם דרך ה'.

❀ ❀ ❀

**תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה:** די תורה הקדושה זאגט אז די שטראפן פון די תוכחה קומען ווייל מען האט נישט געדינט דעם הייליגן באשעפער מיט שמחה.

זאגט דער הייליגער **בני יששכר** אז די אותיות פונעם ווארט **אשר** זענען די אותיות פון פאַרן ווארט שבת. **א'** איז פאר די ב' פון שבת - ש' איז פאר די ת' פון שבת - ר' איז פאר די ש' פון שבת - דאס קומט מרמז זיין, אז עס קומט די שטראף ווייל מען איז נישט מענג דעם שבת בשמחה.

דאס זאגט דער פסוק **תחת אשר**, אונטערן ווארט "**אשר**", דאס איז דאס ווארט "**שבת**". אז מען האט נישט מענג געווען דעם שבת בשמחה, מיט פרייד אזוי ווי עס דארף צו זיין.

❀ ❀ ❀

## מוסר הפרשׁה

**ועתה הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה!**

דער **רבי ר' אשר'ל ראפשיצער** זי"ע זאגט, אז דער עיקר עבודה פון א איד אויף די וועלט איז אז ער זאל זיך היטן דאס מויל פון צו רעדן וואס מען טאר נישט.

דאס איז טייטשט: **ועתה הנה הבאתי**, איך האב געברענגט פארן אייבערשטן את **ראשי"ת**, די ערשטע ווערטער פון **פ**'רי **ה**'אדמה, וואס דאס איז "**פה**" א מויל.

# מעשה רב

עס זענען אמאל געקומען צופארן א גרופע חסיד'ישע אידן צום **הייליגן דברי יחזקאל דער שינאווער רב זי"ע** און זיי האבן זיך אפגערעדט אויפן רב פון זייער שטאט וועלכער איז געווען א געגנער פון חסידות, און ער האט זיך געפירט מיט פארשידענע זאכן וואס איז שטארק אראפגעקוקט ביי ערליכע אידן.

צום ביישפיל: יעדע וואך שבת נאכמיטאג ביי שלש סעודות ווען דער חסיד'ישער עולם איז געזעסן און געזינגען ביי שלש סעודות מיט גרויס התעוררות און ווארעמקייט, איז דער רב געגאנגען שפאצירן מיטן זיין פרוי אויף די גאסן פון שטאט, און ווען די חסיד'ישע אידן האבן געהאט צו אים טענות דערויף, פלעגט ער אלעמאל פרעגן "וואו שטייט אין די תורה אז מען טאר נישט? ווי שטייט אין שולחן ערוך אז מען טאר נישט?" - די ערליכע אידן האבן געהאט דערפון גרויס צער.

האט דער **שינאווער רב** זיי געזאגט אז ער וועט קומען צו זיי אין שטאט אויף שב"ק, און ער וועט זעהן וואס מען קען טון. דער שינאווער רב איז טאקע געקומען אויף שב"ק פר' כי תבא.

שבת נאכמיטאג ווען **דער הייליגער דברי יחזקאל** איז שוין געזעסן ביי שלש סעודות, האט ער אנגעהויבן צו זאגן א פייערדיגע תורה: "עס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה את ה' האמרת היום וגו' וה' האמירך היום וגו' זאגט רש"י הקדוש **האמרת והאמירך אין להם עד מוכיח במקרא**, איך האב נישט קיין ראי' פון פסוק וואס האמרת און האמירך איז טייטש, **ומצאתי להם עד והוא לשון תפארת כמו יתאמרו כל פועלי און**, דארף מען פארשטיין עס איז דאך לכאורה א סתירה, קודם זאגט רש"י איך האב נישט קיין ראי' פון פסוק וואס דאס איז טייטש, און נאכדעם זאגט רש"י אז ער האט יא א ראי'?"

"דער תירוץ איז אז רש"י הקדוש איז מרמז מיט זיין רוח הקודש אויף די מענטשן וואס פירן זיך נישט אזוי ווי די חסידים, און זיי זאגן אז זיי טוען נאר אזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך, און נישט קיין אנדערע זאכן וואס זענען לפנים משורת הדין, למשל שבת קודש נאך מנחה, די ערליכע אידן פירן זיך אראפצוזעצן צו שלש סעודות און מען זינגט אינאיינעם שירות ותשבחות, אבער עס זענען דא אזעלכע וואס גייען דעמאלטס ארויס אויף די גאסן מיט די ווייבער און זיי זאגן אז זיי פירן זיך לויטן שולחן ערוך, ווייל עס שטייט דאך טאקע נישט א הלכה אז מען איז מחויב צו זינגען ביי שלש סעודות, און עס שטייט אויך נישט אין שולחן ערוך אז עס איז אן עבירה צו שפאצירן אויפן גאס, און מען קען זיי נישט איבערצייגן על פי תורה אז דער וועג איז אסור מן הדין".

"דער אמת איז אבער אז מען זעהט וואס עס קומט ארויס דערפון, ווייל די וואס גייען ארום שפאצירן די טרעפן זיך מיט געמיינע מענטשן, ווייל ווער דרייט זיך דען דעמאלטס אויף די גאסן, נאר די נידריגע מענטשן וואס ווילן נישט גיין אינאיינעם מיט די ערליכע אידן, און עבירה גוררת עבירה, אז דאס ברענגט צו צו זייער נישט גוטע זאכן, אבער די ערליכע אידן וואס זיצן אין בית המדרש און זינגען זמירות פארן אייבערשטן, דאס איז א כבוד שמים והדר הוא לכל חסידיו".

"קומט אויס אז אפילו עס שטייט נישט אין די תורה וועלכע פון די צוויי מען דארף אויסוועלן, פונדעטוועגן ווייסט יעדער אז דער ערשטער וועג ברענגט נישט קיין נחת רוח פאר השי"ת נאר פארקערט, און דער צווייטער וועג דאס איז דער רצון השם און ברענגט א כבוד שמים און א נחת רוח פארן הייליגן באשעפער".

"דאס זאגט רש"י ז"ל **האמרת והאמירך אין להם עד מוכיח במקרא,** וועלכע וועג דער אייבערשטער האט אויסגעוועלט און ער וויל מען זאל זיך פירן, דאס האט נישט קיין ראי' אין פסוק, און מען קען נישט אנווייזן ווי אין די תורה אדער אין שולחן ערוך עס שטייט אז מען דארף אזוי צו טוהן, **ומצאתי להם עד והוא לשון תפארת,** עס איז אבער יא דא א ראי' צו זעהן וואס עס איז שיין, און וואס עס ברענגט א כבוד שמים, כמו יתאמרו כל פועלי און, פון די צווייטע וועג זעהן מיר דאך אז עס ברענגט צו א שלעכטע חברותא און צו עבירות, פון דארף מען אריסלערנען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן פארקערט ווי זיי" (התורה נדפס בספה"ק דברי יחזקאל בפרשתן).

ביי א געלעגנהייט האט **כ"ק מרן רבינו שליט"א** נאכגעזאגט דעם **דברי יחזקאל** און צוגעלייגט:

**"אין די תורה שטייט אויך נישט ארויסגעשריבן ווי גרויס דער קאפל זאל זיין, ווי לאנג די פיאות זאלן זיין, און וואו מען דארף האלטן דעם גארטל, און ווי אזוי די שיך דארף אויסזעהן ביי א חסיד'ישן בחור, מען קען די אלע זאכן נישט אנווייזן אין שולחן ערוך וואס די הלכה הייסט אז מען זאל טון, אבער ומצאתי להם עד והוא לשון תפארת, מען דארף צו קוקן וואס די ערליכע אידן טוען, ווי אזוי פירן זיי זיך אין די זאכן, און ווי אזוי פירן זיך אויף די בעלי עבירה, און דאס אליין דארף זיין גענוג אז מען זאל וויסן וואס מען דארף צו טוהן און ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן".**

# מנהגי חודש אלול

## כתיבה וחתימה טובה

ווען מ'שרייבט א בריוו צום חבר אין חודש אלול, זאל מען שרייבן, אז מ'וואונטש אים א כתיבה וחתימה טובה.

אין פסוק שטייט (פרשת יתרו) **ו**יּשאלו **א**יש **ל**רעהו **ל**שלום (וואס מיינט, און זיי האבן געפרעגט איינער דעם אנדערן ווי אזוי מען שפירט זיך) איז די ראשי תיבות "אלול". א רמז אין דעם חודש, "וישאלו" דארף מען מתפלל זיין "איש לרעהו" איינער אויפן אנדערן "לשלום" אז מ'זאל האבן פרידן "א גוט יאר".

חודש אלול איז א צייט וואס איז מער מסוגל פון א גאנץ יאר, אז די תשובה זאל אנגענומען ווערן אין הימל.

מ'דארף לערנען ספרי מוסר אין חודש אלול, ווייל דאס טוט מעורר זיין דעם מענטש אז מ'זאל תשובה טוהן.

דער ייטב פנים ברענגט א טעם צו אונזער מנהג אז מען בלאזט שופר אין חודש אלול, ווייל דער הייליגער בית יוסף שרייבט אין הלכות ר"ח (סימן תכ"ב) אז ס'איז דא א רמז אין תהלים אז מ'דארף זאגן "הלל" יעדן ראש חודש, ווייל אין קאפיטל ק"נ שטייט 12 מאל דאס ווארט "הללו", א קעגן די 12 ראשי חדשים, לויט דעם קומט אויס אז "הללוה בתקע שופר" איז קעגן דעם זעקסטן חודש, וואס דאס איז חודש אלול, א רמז אז אין דעם זעקסטן חודש, "בתקע שופר" ברויך מען בלאזן מיט א שופר.